# מאמר המחזקים

**א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים**

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

פטרון טהור עינים
חודש סיון
לע"נ הרב הגאון
רבי פנחס חיים ב"ר
נפתלי הלוי ז"ל רובינפעלד
יארצייט יום כ' דשבועות

ספעציעלע רובריק ~ לכבוד יום טוב ~

שנה ז | גליון 110 | שבועות תשפ"ג לפ"ק


## קילורין לעינים

יסודות'דיגע שאלות
אין שמירת עינים,
אויסגעקלארט דורך
משפיעים מפורסמים

הגה"צ המשפיע
רבי **חיים יוסף בידערמאן** שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

# א מלחמה - שטיי אוועק פונעם פראנט! | חלק א'

**פראגע:**

די הייסע זומער טעג דערנענטערן זיך, און אין מיין הארץ איז דא א באהאלטענער זארג: וואס וועט זיין מיט שמירת עינים? די גאסן זענען פריצות'דיג, און די נסיונות נעמען ארום פון אלע זייטן און זענען פילפאכיג שווערער ווי א גאנץ יאר. וואס איז דער ריכטיגער וועג מ'זאל קענען דורכגיין דעם זומער מיט ריינע אויגן?

**ענטפער:**

## די הייליגסטע עבודה

צוערשט, פותחין בכבוד האכסניא. ס'איז כדאי ארויסצוברענגען דעם געוואלדיגן תועלת מיט די אלע מאמרים פון **"טהור עינים"** וואס קומען ארויס שוין עטליכע יאר, אין אידיש און לשון-קודש, פול מיט רעיונות, עצות, און הדרכות אויף שמירת עינים. מ'ווייסט גארנישט דעם שטארקן אויפטו דערפון. אפילו נאר איינער איז איינמאל ניצול געווארן פון א מכשול א דאנק די אלע בלעטער, האט זיך שוין אלעס געלוינט. און ווער רעדט מערערע אידן - מ'האט נישט קיין השגה אינעם גרויסן זיכוי הרבים.

מ'קען זאגן אז די הייליגסטע עבודה וואס איז שייך איז אריינברענגען אין אידן אריין א פלאקער און א ברען איבער דעם זהירות און גדרים וואס מ'דארף מאכן צו האלטן די אויגן ערליך און ריין. מ'דארף נישט מאריך זיין אין דעם, ס'איז דאך ברור מעל כל ספק.

על כל פנים, דער שואל פרעגט ווי אזוי מ'קען היטן די אויגן ווי ס'דארף צו זיין. דער אמת איז אז מ'קען אסאך רעדן דערוועגן, און אין די גליונות איז שוין זיכער געווען אויסגעשמועסט די אלע עצות און הדרכות וואס די ספרים הק' שרייבן. אבער ס'איז כדאי זיך אפצושטעלן און ארויסהייבן דעם יסוד היסודות און די התחלה פון שמירת עינים. א סוף צו דער עבודה פון שמירת עינים איז וודאי נישט דא, ס'איז א מלחמה א גאנץ לעבן, אבער וואו אנצוהייבן דארף מען יא וויסן.

## אפילו א פיצל קינד

ווען מיר פרובירן אביסל אויסצושמועסן וואס די הייליגע צדיקים בדורות הקודמים האבן געזאגט דערוועגן, צאי לך בעקבי הצאן. די צדיקים האבן דאך געהאט אזא געוואלדיגע שמירות און זהירות, זיי האבן אזויפיל אנגעווארנט, אזויפיל געשריגן ווי ווייט מ'דארף זיך אכטונג געבן ווען ס'קומט צו שמירת עינים.

אפילו ווען מ'איז נאך א קינד, ווען מ'פארשטייט נאך נישט וואס מ'זעט, האבן צדיקים מזהיר געווען אז מ'דארף אכטונג געבן אויף די אויגן.

ס'איז געווען ביי איינעם פון די גדולים (מסופר על מרן החזון איש זצ"ל) אז מ'איז אים געקומען פרעגן איבער א קליין קינד צי מ'מעג אים נעמען צום ים. האט ער געזאגט אז מ'זאל נישט טראגן אהין אפילו א פיצל קינד, ווייל די ראיות וואס ער וועט זען דארט וועלן אים בלייבן אייביג אין זכרון און ס'וועט אים שאטן שפעטער. כל שכן ווען מ'רעדט פון אן ערוואקסענעם מענטש, מה נאמר ומה נדבר וואספארא געוואלדיגע זהירות ס'פעלט זיך אויס.


>>>


## תוכן הגליון

קילורין לעינים:


הגה"צ רבי חיים יוסף בידערמאן שליט"א ____ זייט 1-4

דבר המערכת ____ זייט 3

יאמרו המושלים / פערזענליכע מעשיות ____ זייט 5

עין בעין יראו / אויפפאסונגען ____ זייט 7

החכם עיניו בראשו / עצות ____ זייט 7

מי כעמך ישראל / אידישע גבורה ____ זייט 11

מכתבים למערכת ____ זייט 12



## זכות הוצאת הגליון

נתנדב ע"י

הרה"ח ר' **אברהם מאיר איצקאוויטש** הי"ו

לעילו נשמת אביו
הרה"ח ר' **בנציון** בן ר' **יעקב** ע"ה

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה ועומדים מול נסיונות הזמן בתוקף ועוז תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב, בני בריכי, חיי אריכי, ומזוני רויחי, וסייעתא דשמיא, פרנסה בהרחבה גדולה, והצלחה בכל מעשה ידיו, אמן.

## זכות הדפסת הגליון

נתנדב לעילו נשמת
הרה"ק מרן **ישראל אברהם** בן
הרה"ק מרן **אליעזר זוסיא** זצ"ל **מסקולען**

זכותו הגדולה וזכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.

## זכות הפצת הגליון

נתנדב לעילו נשמת
הגאון **החזון איש** זצ"ל

זכותו הגדולה וזכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן.

# קילורין לעינים

## א פשוט'ע עצה

די גמרא זאגט (סוטה ח,א), **גְּמִירֵי דְּאֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת** - מיר האבן א קבלה אז דער יצר הרע איז נאר שולט אויף עפעס וואס די אויגן זעען. אז דו האסט נישט געזען, קען דער יצר הרע נישט האבן קיין שליטה אויף דיר. דאס איז א קלארע גמרא.

ס'איז א מורא'דיגער יסוד וואס ליגט דא. מיר ווייסן פון אלע ספרים הק' דעם חומר הענין פון שמירת הענין, וואספארא פגמים און חורבנות ס'קען מאכן ח"ו, די קלקולים אין עולמות העליונים ותחתונים, אבער אין דער זעלבער צייט איז אויך דא אויף דעם א פשוט'ע עצה. אויפ'ן מויל שטייט עס נישט, אויף די אויערן שטייט עס נישט, אבער אויף די אויגן זאגט די גמרא אז אויב מ'קוקט נישטקען דער יצר הרע נישט האבן קיין שליטה. דו האסט אן עצה - קוק נישט!

וואס הייסט דאס קוק נישט? דאס איז נישט קיין לייכטע עבודה. די אויגן איז די שווערסטע עבודה. ווייל אויפ'ן מויל קען מען זאגן מ'זאל נישט רעדן. אפילו ער קומט צווישן מענטשן, רעדט ער א ווארט-צוויי, וויפיל ער מוז, און דערנאך קען ער שווייגן און ס'וועט אים גארנישט פאסירן. די זעלבע זאך איז מיט הערן, מ'קען פארמיידן פון שמועסן איבריג און דארפן הערן דיבורים אסורים. אבער קוקן דארף מען דאך, א מענטש דארף גיין אין גאס, ער מוז קוקן אהער און אהין צו זען וואו ער גייט, ס'איז נישט שייך מ'זאל זיך צומאכן די אויגן און גארנישט זען.

## ווער הייסט דיר אריינגיין אין א מלחמה?

דערפאר איז עס א שווערע מלחמה. אבער פונדעסטוועגן טאר מען נישט קוקן. דאס מיינט אז מ'טאר זיך נישט אוועקשטעלן אין א מצב וואו מ'קען צוקומען צו קוקן. און דעמאלט האבן מיר די הבטחה אז דער יצר הרע קען נישט שולט זיין. אבער איינמאל מ'קוקט, איז מען שוין טיף אין דער מלחמה. עַיִן רוֹאֶה וְלֵב חוֹמֵד. נישט צו זען איז א קליינע מלחמה, אבער איינמאל מ'האט שוין געזען איז מען שוין טיף אין דער מלחמה.

דעריבער זאגט די גמרא אז איינער וואס גייט אויף א פריצות'דיגן פלאץ און ס'איז אִיכָּא דַּרְכָּא אַחֲרִינָא, ער קען גיין א צווייטן וועג, ווערט ער אנגערופן א רשע רח"ל. פארוואס באקומט ער אזא געפערליכן טיטל? ווייל ער גייט אריין אין א מלחמה, ממילא איז ער אליין שולדיג. ווער הייסט דיר אריינגיין אין א מלחמה? דו קענסט דאך אוועקגיין און נישט זיין דא בכלל. אז דו זעסט נישט, ביסטו נישט אין דער מלחמה, דו האסט נישט דעם נסיון.

איז דאס בעט מען פון דיר, גיי נישט אריין אין קיין מלחמה. ווי די משנה זאגט, הִסְתַּכֵּל בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים וְאֵין אַתָּה בָּא לִידֵי עֲבֵרָה - ס'שטייט נישט "ואין אתה בא לעבירה", נאר "ואין אתה בא לידי עבירה". איינמאל דו ביסט שוין אין גאס, דו ביסט שוין אינעם פלאץ פונעם נסיון, דארפסט שוין גרויס רחמים מ'זאל קענען ניצול ווערן. דערפאר דארף מען זען אז מ'זאל נישט צוקומען לידי עבירה, צו די ידים ארום און ארום דער עבירה. ווען דו ביסט נאכנישט אין גאס, ווען דו לייגסט די האנט אויף דער מזוזה און דו גייסט ארויס פון שטוב, דעמאלט טראכט פון די דריי זאכן, נישט ווען דו ביסט שוין אין גאס, ווייל דעמאלט האט שוין דער יצר הרע א שליטה רח"ל.

איינמאל דו ביסט שוין אין גאס, דו ביסט שוין אינעם פלאץ פונעם נסיון, דארפסטו שוין גרויס רחמים מ'זאל קענען ניצול ווערן. דערפאר דארף מען זען אז מ'זאל נישט צוקומען לידי עבירה, צו די ידים ארום און ארום דער עבירה.

## א לעבל פאר דער פליג

דער כלי יקר ברענגט א געוואלדיגע זאך. די גמרא זאגט אז דער יצר הרע איז דומה לזבוב. זאגט ער ווען א פליג קומט צו א שטיקל פלייש און זי וויל עסן דערפון, קען זי נישט מאכן דעריין א לאך. נאר אויב ס'איז שוין געווען דארט א לאך פון פריער, קען די פליג קומען און עסן דערפון און מאכן גרעסער דעם לאך.

דאס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע. ער זיצט ביי דער טיר, לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ, און ער וויל אריינקומען צום מענטש. אבער ער קען נאר אריינקומען אויב עפנט מען אים אויף די טיר; ער קען נישט אליין עפענען די טיר.

דאס איז דער ערשטער יסוד אין שמירת עינים - דערוווייטער דיך דו זאלסט נישט צוקומען צו די נסיונות.

## מ'דרייט זיך מיט א שווערד אין דער האנט

און אויף דעם שטייט דאך אין ירושלמי (ברכות פ"א ה"ה), **אִי יָהֲבַתְּ לִי לִבָּךְ וְעֵינָיךְ, אֲנָה יָדַע דְּאַתְּ לִי** - דער אויבערשטער זאגט, אז דו גיבסט מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, ווייס איך אז דו ביסט מיינער. וואס הייסט דו גיבסט מיר די אויגן? נישט אז דו קוקסט נישט מראות אסורות, נאר דו גיבסט מיר אוועק דיינע אויגן צו קוקן נאר וואס מ'דארף. און פארשטייט זיך קוקן אין דער תורה איז דאך די בעסטע זאך, ווייל דאס פארטרייבט דעם יצר הרע.

ס'איז א מורא'דיגער ירושלמי. איך בעט דיר גארנישט, זאגט דער אויבערשטער, נאר גיב מיר דאס הארץ און די אויגן. דאס הארץ איז דאך נישט אייביג אינעם מענטש'ס האנט, אבער בעיקר מיינט מען די אויגן. אלעס הייבט זיך אן ביי עין רואה און נאכדעם איז לב חומד. אז דו גיבסט מיר די אויגן, איז ממילא דאס הארץ שוין אויך, און דעמאלט ווייס איך אז דו ביסט מיינער.

מ'דארף געדענקען שטענדיג אז מ'האט א געוואלדיגע זאך אין די הענט, ממש וְחֶרֶב פִּיפִיּוֹת בְּיָדָם. א ריר מיט די אויגן איז די גרינגסטע זאך, גרינגער ווי רעדן און אפילו ווי צו הערן, און אז מ'פארקוקט זיך אויף א סעקונדע, ה' ירחם.

## מ'ווארפט נישט קיין דיאמאנטן

און מיט די אויגן מאכט מען נישט קיין חכמות, א מענטש קען נישט זאגן ער וועט נישט קוקן, ער וועט נישט זען. מיט די אויגן מאכט מען נישט קיין חכמות.

ס'איז ידוע אויף **הרה"ק רבי בונם מאטוואצק זצ"ל** אז ווען ער איז געגאנגען אין גאס, פלעגט דער גבאי אכטונג געבן אז ס'זאלן נישט זיין קיין נשים דארט אינעם גאנצן געגנט - ער פלעגט אוועקשיקן אלע ווייבער, יונג און אלט, דארט וואו דער רבי האט געדארפט דורכגיין. איז געשעטאנען אמאל דארט א יונגערמאן - טייל זאגן ס'איז געווען הגאון רבי פנחס עפשטיין זצ"ל, ראב"ד העדה החרדית - און ער האט דאס צוגעזען. האט ער געטראכט ביי זיך, וואס פאטרייבט ער יעדן, אלטע ווייבער, און דער רבי איז שוין אן אלטער איד?

רבי בונם אטוואצקער האט תופס געווען זיין מחשבה, האט ער זיך אנגערופן: "יונגערמאן, דו האסט פארגעסן וואס שלמה המלך זאגט? אַל תְּהִי חָכָם בְּעֵינֶיךָ - מיט די אויגן מאכט מען נישט קיין חכמות!" מ'מאכט נישט קיין קונצן און קיין חשבונות; מ'דארף אכטונג געבן אויף די אויגן, יונגע און אלטע, שטארקע און שוואכע.

מ'קען זיך שפילן דורכ'ן ווארפן זאכן, אזוי ווי די גמרא פארציילט אז רבן שמעון בן גמליאל האט

הגה"צ המשפיע
## רבי חיים יוסף בידערמאן שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

געווארפן פאקלען ביי שמחת בית השואבה, מ'ווארפט און מ'כאפט. מ'קען מאכן די שפיל אויך מיט שטיינער, און מ'קען עס אויך טון מיט מטבעות. מיט גאלדענע מטבעות וועט מען שוין אכטונג געבן, ס'איז א טייערע זאך און ס'קען כאפן א קראך דא-דארט, אבער ס'קען נאך אויך גיין. אבער מיט דיאמאנטן וועט מען זיך שוין נישט שפילן, ווייל דארט קען יעדער קראך אוועקנעמען א הון רב פון דעם דיאמאנט'ס ווערד, ממילא, מיט דעם שפילט מען נישט, מ'רירט עס נישט אן.

דאס זעלבע איז ווען ס'קומט צו די אויגן. מיט אנדערע איברים קען מען נאך אמאל אמאל מאכן א קונץ - אפילו מ'מאכט אמאל א ווערטל, צי מ'הערט א ווערטל, איז מהיכי תיתי, דער פגם איז נישט אזוי גרויס. אבער מיט די אויגן מאכט מען נישט קיין קונצן, מ'שפילט נישט מיט דעם. אַל תְּהִי חָכָם בְּעֵינֶיךָ!

### דער גאון מיט פארמאכטע לאָדנס

מ'זאגט נאך אז דער דובנער מגיד איז אמאל אריינגעקומען צום ווילנער גאון, און ער האט געזען ווי ער זיצט אין א צימער מיט פארמאכטע לאָדנס, ס'איז נישט געווען קיין שפאלטעלע, און אזוי איז ער געזעסן מיט א בארג ספרים און געלערנט. האט זיך דער דובנער מגיד אנגערופן, "א חכמה צו זיין אזא גאון, אז איר זיצט אזוי פארמאכט און איר זעט נישט די גאס?"

האט אים דער גאון געענטפערט, "איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט מאכן קיין חכמות!" ער איז געזעסן פארמאכט און פארקנאקט פון אלע זייטן און אזוי געלערנט, ווייל יעדע זאך וואס מ'זעט קען פוגם זיין.

### צעבראכן א פוס פאר פחד

רבי ברוך בער קאמעניצער זצ"ל, דער ברכת שמואל, איז באקאנט געווען מיט זיין געוואלדיגע גאונות. אבער אויסער דעם איז ער אויך געווען א קדוש נורא. מ'פארציילט אז ער האט אמאל מעיד געווען אויף זיך אליין אז ער האט קיינמאל נישט געזען קיין צורת אשה אדער א תיפלה, נאר איינמאל איז ער נכשל געווארן און דאס שטערט אים נאך ביז היינט!

איר הערט וואס דא טוט זיך? ס'איז געווען מסתמא צענדליגער יארן פריער, און פארשטייט זיך ס'איז געווען בלי כוונה, און ביז היינט שטערט אים עס. וואספארא קדושה מ'דארף האבן מיט די אויגן!

אין שיח זקנים ברענגט ער אז דער פלומעניק פון רבי ברוך בער האט פארציילט וואס ער האט געהערט פון זיין רביצין, אז אמאל איז רבי ברוך בער געווען אין ווילנע אויף א חתונה פון א גביר וואס האט געגעבן אסאך געלט פאר זיין ישיבה.

פאר דער חופה, איז מען געגאנגען באדעקן די כלה, און מ'האט אים געבעטן ער זאל אויך קומען. אזוי ווי ער האט אנגעהויבן צו גיין, האט ער מרגיש געווען אז ס'איז דא דארט א טומל מיט נשים, האט ער אנגעפאנגען אזוי צו אנטלויפן, אז פון גרויס בהלה האט ער צעבראכן דעם פוס. ער האט געכאפט אזא פחד, ער איז געווען א שטיק פייער - מ'קוקט נישט אויף גארנישט, מ'אנטלויפט!

**ווי נאר דער קאר איז אנגעקומען קיין מאנהעטען, האט רבי אלחנן גלייך אנגעהויבן שרייען: "וואו איז מען דא? וואו האט מען מיך גענומען?" ער האט מרגיש געווען אויף דער לופט אז מ'געפינט זיך אין מאנהעטען, און מ'האט זיך תיכף געדארפט אויסדרייען און צוריקפארן.**

דאס איז וואס מ'האט געשמועסט, אז מיט די אויגן מאכט מען נישט קיין שפילערייען. אז מ'ווייסט אז ס'קען זיין חלילה לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ, אז דאס קען צוברענגען צו וואס מ'טאר נישט, מאכט מען נישט קיין לעכעלע וואו דער זבוב זאל קענען אריינגיין, נאר מ'דארף אנטלויפן ווי פון פייער.

## דבר המערכת

### געעפנט די אויגן

אשריכם ישראל! אשרינו שזכינו!

ווען מיר האבן באשלאסן זיך ארייינצולייגן אין די שווערע עבודת הקודש פון ווידמען א גליון ספעציעל איבער "נסיעות" און שמירת עינים ביי א נסיעה, האבן מיר אליין נישט אנגעהויבן צו חלומ'ען איבער ווי שטארק און ווי ווייט דער ברייטער ציבור פון ערליכע אידן קוקט ארויס צו א פאסיגע אפהאנדלונג איבער די קריטיש-וויכטיגע טעמע.

מיר האבן צוריקבאקומען פונעם ציבור אזא געוואלדיגע ווארימקייט, אז די גאנצע הארעוואניע האט זיך אויסגעצאלט מיט הונדערט שמיץ אריבער... דער אויסטערלישער פלייץ פון מעסעדזשעס און רופן, דער באדאנקט זיך, דער זוכט וואו ער קען באקומען דעם גליון, איינער האט הערות אויף די עצות, איינער זוכט צוצולייגן פרישע עצות. אא"וו.

מ'האט געזען בחוש וויאזוי דער ציבור לעכצט שוין לאנג אז מ'זאל 'אנכאפן דעם גנב ביים קראגן', ארויסברענגען שווארץ אויף ווייס די שווערע נסיונות ביים פארן, און אדרעסירן סיי דעם עצם נסיון פון 'נייגער', וואס איז ארויסגעברענגט געווארן מיט אזא קלארקייט, וואס דאס עצם וויסן וואו מ'שטייט ברענגט שוין א שטארקע דערלייכטערונג און פארשטאנד, און סיי די קלארע הלכות און פראקטישע עצות צו וויסן כדת מה לעשות.

מיר האבן באקומען פילע ווענדונגען פון "נסיעה ארגאניזירער" וועלכע האבן געבעטן מיר זאלן זיי צושטעלן א ווערסיע פונעם

המשך אויף זייט 6 >>>

## מודעה והתנצלות

מיר וויל זיך באדאנקען פאר די אלע וואס האבן אריינגעלאזט מעסעדזשס מיט פידבעק און הוספות אויפ'ן נסיעה גליון. ווי פארשטענדליך קענען מיר נישט מפרסם זיין אזויפיל מעסעדזשעס אויפאמאל, אבער מיר וועלן בס"ד צוריקקומען דערצו במשך הזמן.אויב האט איר סיי וואספארא הערה/הוספה בנוגע שמירת עינים ביי א נסיעה. רופט

**#1-2 845.999.4114**

# קילורין לעינים

## די לופט אינעם לוד עירפארט

איך וויל דערציילן א מורא'דיגע מעשה, וואס איך האב געהערט ערשטהאנטיג פון א שוואגער פון רבי מאיר אבוחצירא זצ"ל, א זון פון באבא סאלי זצ"ל. ער איז געווען א קדוש וטהור עינים, מיט א געוואלדיגן זהירות אין עניני קדושה. ער פלעגט אסאך קומען צו הרב וואזנער זצ"ל, און ס'איז ידוע אז הרב וואזנער האט מורא'דיג געהאלטן פון אים. אויך זיין טאטע, דער הייליגער באבא סאלי, האט געזאגט אויף אים גרויסע זאכן, און מ'פארציילט אז ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט, "הוא הרבה יותר גדול ממני."

סוף ימיו פון רבי מאיר אבוחצירא איז ער נעבעך געווען אין שפיטאל על ערש דוי, ליידנדיג יסורים נוראים. איין טאג קומט מען אריין אין זיין צימער, און מ'זעט ער איז נישט דא - ער איז פלוצלינג אנטלאפן פון שפיטאל און אהיימגעגאנגען. ווען מ'האט אים געפרעגט וואס האט פאסירט, האט ער געזאגט אז ער קען נישט אויסהאלטן די קראנקן-שוועסטערס אין שפיטאל. ער איז געווען א קדוש עליון.

על כל פנים, האב איך געהערט פון זיין שוואגער ביים הספד בשעת זיין לוויה, האט ער פארציילט אז ווען דער באבא סאלי איז געקומען פון מאראקא קיין ארץ ישראל, איז ער געפארן אינאיינעם מיט רבי מאיר צום לופטפעלד אין לוד אים מקבל פנים זיין.

ווארטנדיג אין לופטפעלד אז זיין טאטע זאל אנקומען, איז רבי מאיר געזעסן אויף א בענקל, ווען ארום און ארום שטייען מענטשן ער זאל גארנישט זען חלילה. ס'האט זיך פארשלעפט אביסל, און ער זעט אויף זיין שוואגער דער באבא מאיר אז ער קאכט, ער קאכט, ער שאקלט זיך און ער איז נישט רואיג. האט ער אים געפרעגט, "פארוואס ביסטו אזוי אויסער זיך? מיר שטייען דאך ארום און ארום און דו זעסט גארנישט."

האט רבי מאיר גענטפערט אויף לשון-קודש, "הָאֲוִיר!" די לופט אין אזא פלאץ שאדט פאר די אויגן. צום סוף זענדיג אז דער באבא סאלי קומט נאכנישט, האט ער זיך אויפגעהויבן, און געזאגט מ'זאל בעטן אנטשולדיגונג פון זיין טאטן אז ער איז אהיימגעפארן, ווייל ער האט נישט געקענט בלייבן דארט.

רבותי, פון וואס רעדט מען דא? פונעם לופטפעלד אין לוד פאר זעכציג-זיבציג יאר צוריק. איר קענט זיך פארשטעלן וויפיל מענטשן זענען שוין געווען דארט און ווי אזוי דער פלאץ האט אויסגעקוקט. האט ער געזאגט אז די לופט שטערט אים, ער האט נישט געקענט אויסהאלטן די לופט דארט.

רבותי, פון וואס רעדט מען דא? פונעם לופטפעלד אין לוד פאר זעכציג-זיבציג יאר צוריק. איר קענט זיך פארשטעלן וויפיל מענטשן זענען שוין געווען דארט און ווי אזוי דער פלאץ האט אויסגעקוקט.

דערציילט דער שוואגער ווייטער, ס'איז געווען צוויי יאר שפעטער - אנדערע זאגן א יאר שפעטער - האט ער זיך אמאל אנגערופן צו אים: "דו געדענקסט דעם לופטפעלד אין לוד? דער תיקון האט זיך נאכנישט געענדיגט!"

א פחד נורא. ער האט גארנישט געזען, מ'איז געשטאנען ארום און ארום, אבער די לופט פון דעם פלאץ האט אים געשטערט, און צוויי יאר שפעטער האט ער נאך עוסק געווען דאס מתקן צו זיין!

## מרגיש געווען מאנהעטן

דער גאון רבי אלחנן וואסערמאן זצ"ל איז, ווי באקאנט, געקומען קיין אמעריקע זאמלען געלט פאר זיין ישיבה. פארציילט מען אז איידער מ'האט זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, האט ער זיך אויסגענומען מיט זיינע נאנטע א תנאי מפורש אז אין מאנהעטן פארט ער נישט. מ'רעדט דא מאנהעטן פאר כמעט הונדערט יאר צוריק, אבער ער האט געזאגט אז אויף מאנהעטן פארט ער נישט בשום פנים ואופן.

זייענדיג אין ניו יארק, איז מען ארומגעפארן מיט א קאר צו רייכע אידן. רבי אלחנן פלעגט זיצן אינעם קאר מיט א טאַשנטיכל אויף די אויגן, ער האט גארנישט געזען וואס טוט זיך ארום, ווייל ער האט געזאגט אז אמעריקע איז געפערליך.

איז געווען א גרויסער גביר וואס האט געוואוינט אין מאנהעטן, און מ'האט געוואוסט אז אויב ווערט מען גיין צו אים ווערט ער געבן א גרויסע נתינה. האבן זיך די ארומיגע געמאכט א חשבון, דער ראש ישיבה קוקט דאך ממילא נישט, זיינע אויגן זענען א גאנצע צייט פארבונדן מיט א שמאטע. ווערט מען צופארן צו יענעם און מ'ווערט אים נישט זאגן אז מ'איז אין מאנהעטן.

אזוי האט מען טאקע געטון. אבער ווי נאר דער קאר איז אנגעקומען קיין מאנהעטן, האט רבי אלחנן גלייך אנגעהויבן שרייען: "וואו איז מען דא? וואו האט מען מיך גענומען?" ער האט מרגיש געווען אויף דער לופט אז מ'געפינט זיך אין מאנהעטן, און מ'האט זיך תיכף געדארפט אויסדרייען און צוריקפארן. נורא נוראות! מאנהעטן פאר הונדערט יאר צוריק, רבותי!

די אלע זאכן איז דאך מִדֵּי דַּבְּרִי בִּכְבוֹדֶךָ הוֹמֶה לִבִּי אֶל דּוֹדֶיךָ - אז מ'רעדט פון די אלע מעשיות פון גרויסע אידן, ברענגט עס אונז אויך ארויף העכער.

ס'איז ידוע די מעשה וואס חז"ל פארציילן מיט'ן הייליגן תנא רבי מתיא בן חרש, וואס האט זיך געשלאגן מיט'ן בעל דבר און זיך געלאזט אויסשטעכן

ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו
מוה"ר **ישראל**
**וויסמאן** הי"ו
יו"ר **"טהור עינים"** בארה"ק

**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

זכות הרבים תעמוד לו לראות תענוג ונחת
דקדושה מכל יוצאי חלציו, והרחמן הוא יברך
אותו משמי מעל בכל משאלות לבבו, ואך טוב
וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך לזכות
את ישראל ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא אמן

ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו
הרה"ג **דניאל**
**שטיינבערג** שליט"א
מעורכי הגליון בספאניש

**לרגל אירוסי בתו למזל טוב**

זכות הרבים תעמוד לו לראות תענוג ונחת
דקדושה מכל יוצאי חלציו, והרחמן הוא יברך
אותו משמי מעל בכל משאלות לבבו, ואך טוב
וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך לזכות
את ישראל ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא אמן

ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו כתבא רבא
הרב **אשר**
**שנורמאן** הי"ו
מעורכי הגליון בספאניש

**לרגל הולדת בתו למזל טוב**

זכות הרבים תעמוד לו לראות תענוג ונחת
דקדושה מכל יוצאי חלציו, והרחמן הוא יברך
אותו משמי מעל בכל משאלות לבבו, ואך טוב
וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך לזכות
את ישראל ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא אמן

ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו כתבא רבא וידען נפלא
מוה"ר **משה יודא יואל**
**וייס** הי"ו
עומד לימינינו בכל עת ועונה

**לרגל אירוסי בתו למזל טוב**

זכות הרבים תעמוד לו לראות תענוג ונחת
דקדושה מכל יוצאי חלציו, והרחמן הוא יברך
אותו משמי מעל בכל משאלות לבבו, ואך טוב
וחסד ירדפוהו כל ימי חייו, ויזכה להמשיך לזכות
את ישראל ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא אמן

הגה"צ המשפיע
רבי **חיים יוסף בידערמאן** שליט"א
רב דחסידי לעלוב בני ברק

די אויגן פאר שמירת עינים. וואס האט עס מיט אונז? ווער וועט מאכן אזא זאך? נאר פשט איז אז מ'רעדט פון די זאכן, ברענגט דאס אליין קדושה וטהרה. אז מ'זעט די מעשה, כאפט א ציטער; מיר דארפן נישט אויסשטעכן די אויגן, אבער כאטש פארמאכן די אויגן, כאטש נישט קוקן וואו מ'דארף נישט, כאטש נישט גיין וואו מ'דארף נישט, דאס קען ברענגען חלילה עפעס א מכשול.

## א סימן טהרה אויף א מענטש

די גמרא זאגט דאך אִיכָּא דַּרְכָּא אַחֲרִינָא אויף יעדן איינעם אן קיין נפקא מינא. דארף מען וויסן אז דאס איז די עיקר שמירה, זיך נישט צו דרייען אין אזעלכע פלעצער, זיך נישט צו דרייען אין גאס. קודם כל קען מען דאך חלילה חלילה צוקומען צו א מכשול, און אפילו נישט, די גאס אליין איז אומריין. רבי מאיר אבוחצירא איז געווען ארומגענומען מיט אסאך מענטשן און ס'איז נישט מעגליך געווען ער זאל עפעס זען, אבער פונדעסטוועגן האט ער געשפירט אויף דער לופט אליין אז ס'טויג נישט, אז ס'איז לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ.

דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע זאגט, ס'שטייט אין פסוק, וְהָאִישׁ אֲשֶׁר הוּא טָהוֹר וּבְדֶרֶךְ לֹא הָיָה. זאגט ער אז א סימן טהרה אויף א מענטש איז אז וּבְדֶרֶךְ לֹא הָיָה - ער דרייט זיך נישט אין גאס. דאס איז די גרעסטע שמירה וואס קען נאר זיין.

און רבותי, ווייטער, מ'רעדט דא פון איבער צוויי הונדערט יאר צוריק אין לובלין. וואס איז שוין געווען אין לובלין? וועלכע גרויסע סופערמארקעטס זענען געווען דארט? וועלכע פּאַרקס? גארנישט, אַפּאָר געסעלעך, און אויף דעם האט דער רבי פון לובלין געזאגט וּבְדֶרֶךְ לֹא הָיָה. וואס וואלט ער געזאגט אויף די גרויסע שטעט מיט ריזיגע בנינים און געשעפטן?

## א פחד אין כפר חסידים

רבי מיכל יהודה לעפקאוויץ זצ"ל, דער ראש ישיבה אין פאנעוועזשער ישיבה, האט געוואוינט נישט ווייט פון זיין מאמע, בערך פינף מינוט צו גיין, און ער פלעגט איר גיין באזוכן איינמאל א וואך. איינמאל האט ער באקומען א קאַטאַראַקט ל"ע (Cataract - א פארנעפלונג אינעם אויג), און ער האט נישט געקענט זען אזוי גוט. פון דעמאלט און ווייטער האט ער אנגעהויבן גיין צו זיין מאמען יעדן טאג.

סתם אזוי האט ער מורא געהאט צו גיין אין גאס - כאטש ער איז שוין געווען אן עלטערער איד - איז ער געגאנגען נאר דעם מינימום, אבער אז ער זעט נישט גוט האט ער מער נישט געהאט פון וואס מורא צו האבן.

הגאון רבי אלי' לאָפּיאַן זצ"ל האט געדינט אלס מנהל אין ישיבת כנסת חזקיהו אין כפר חסידים. איז געווען אמאל א בחור אין ישיבה וואס האט געדארפט פארן אויף א חתונה, און ר' אלי' האט אים געזאגט אז ווען ער פארט זאל ער זיך אכטונג געבן די אויגן, נישט פארן דא און דארט, אהין און אהער.

האט ער געזען ווי דער בחור קוקט אים אן אזוי. ווי איינער זאגט, מהיכי תיתי, יא, ער וועט היטן די אויגן, אבער וואס איז די גרויסע אזהרות? ס'איז נישט אזוי נוגע צו אים...

האט זיך רבי אלי' אנגערופן: "בחור טייערער, איך בין שוין א איד פון אכציג יאר, און מיט איין אויג זע איך נישט ל"ע. פונדעסטוועגן ווען איך גיי ארויס פון שטוב - אין כפר חסידים, א דערפעלע מיט קוים עטליכע צענדליגער מענטשן - ציטערן מיינע הענט און פיס איך זאל בלייבן ריין, און אזוי ציטער איך ביז איך קום אן צוריק אהיים. און דו מאכסט עס עפעס אזוי ווי ס'איז גארנישט?"

## אזוי נידריג ביסטו?

אן ענליכע מעשה פארציילט מען אויף רבי שלמה באבובער (הראשון) זצ"ל, אז ער געזאגט פאר א בחור וואס איז אהיימגעפארן פון ישיבה ער זאל אכטונג געבן וואו ער פארט און וואו ער גייט, און דער בחור האט זיך אזוי ארויסגעכאפט אז ס'רעדט נישט צו אים די אלע זאכן, ער דארף נישט די גרויסע אזהרות. האט זיך רבי שלמה באבובער געגעבן א רוף אן: "אזוי נידריג ביסטו נעבעך אז ס'שטערט דיר גארנישט?"

דער בחור האט געמיינט אז ער איז אין גרויסן אז ס'שטערט אים נישט. אבער ער האט אים געזאגט "אזוי נידריג ביסטו?" ס'איז נישט שייך אזא זאך, די שמירה דארף זיין געוואלדיג. טאמער פילסטו נישט אז דו דארפסט שמירה, ביסטו אין א גרויסן בראך; דעמאלט דארפסטו ערשט אסאך אסאך עבודה צוצוקומען צום תכלית הרצוי, צו האבן די ריכטיגע שמירה.

צווייטע חלק פונעם תשובה, אינעם קומענדיגן גליון בעז"ה

## דבר המערכת

המשך פון זייט 3 >>>

גליון וואס זיי זאלן קענען אויסטיילן פאר זייערע מיטפארער, צו אדרעסירן די נושא וואס איז פון די סאמע וויכטיגסטע זאכן צו וויסן ביים ארויספארן, און ביז היינט האט געפעלט דערין אן אויפריכטיגע קלארקייט און בהירות.

עס איז נישט קיין ספק אז די וועגן צו און פון דעם הייליגן תנא רשב"י אין מירון האבן היי יאר אויסגעקוקט אנדערש ביי גאר אסאך אידן, סיי אין די לופטפעלדער און סיי אויף די וועגן. ס'וועט זיין אוממעגליך צו ציילן וויפיל ראיות אסורות און קדושה ס'איז ניתוסף געווארן צוליב דעם אויף די וועגן היי יאר צום תנא אלקי רבי שמעון בר יוחאי. דער הייליגער תנא איז זיכער מכיר טובה פאר אלע וואס האבן א חלק דערין. ווער נאך ווי רבי שמעון בר יוחאי האט דאך געברענט פאר קדושה וטהרה פון גאנץ כלל ישראל.

א גאר חשוב'ער און אויסגערופענער מורה הוראה, אליין א מחבר ספרים, האט געשיקט צו די מערכת אויסדרוקן זיין התפעלות און הערצה, זאגנדיג אז עס איז נישט שייך גענוג צו באדאנקען פאר אזא הייליגע ארבעט, אהערצושטעלן א זאך אויף וואס כלל ישראלווארט שוין אזויפיל יארן. און ענליכע קאמענטארן הערן מיר צוריק פון אלע זייטן, פון אלע שיכטן.

אין אנבליק פון די אויסטערלישע פידבעק און פארלאנג, ארבעטן מיר אין די איצטיגע טעג צו קענען ארויסגעבן א געהעריגן קונטרס בס"ד, וואס וועט זיין דער בעסטער באגלייטער און שמירה פאר אלע אידן וואס פארן אויף א נסיעה, צו האלטן כסדר 'פאר די אויגן', תרתי משמע.

מיר בעטן דעריבער ווער עס האט סיי וועלכע הערות און/אדער הוספות, זאל זיך פארבינדן מיט'ן מערכת, וזכות הרבים תלוי בכם.

יה"ר אז אין זכות פון היטן אויף טהרת העינים זאלן מיר קענען מקבל זיין די תורה מיט די ריכטיגע הכנה און שמירה עליונה, וואס זאל אונז באגלייטן איבעראל.

בהתהלכך תנחה אותך.



אלו המושלים בי צרם
(ב"ב עח:)

# יאמרו המושלים

פערזענליכע געשיכטעס וויאזוי אידן פארמעסטן זיך **היינטיגע צייטן** מיט **היינטיגע נסיונות.**

## צעבראכענע סקרינס

צום ערשט א גרויסן ישר כח פאר'ן "נסיעה גליון" וואס איר האט ארויסגעגעבן לכבוד ל"ג בעומר, ס'איז א זעלטן קלארע גליון מיט אלע הכלות און פראקטיק, ס'איז געווען ממש כמים קרים זייענדיג אינעם טערמינאל אויפ'ן וועג קיין מירון. איך, אינאיינעם מיט מיינע חבירים, האבן זיך דעם גאנצן וועג כסדר מחזק געווען מיט שמירת עינים און ס'איז ב"ה אדורך אלעס בשלום.

איך וויל איבערגעבן א קליינער עפיזאד וואו מ'זעט אז ווען מ'טוט השתדלות צו זיין אפגעהיטן העלפט השי"ת.

ס'איז געווען א משפחה וואס האט זיך געגרייט אויף א נסיעה אויף אן עראפלאן. זיי האבן פארדעם אסאך ארומגערעדט איבער שמירת עינים וואס פעלט זיך זייער וויכטיג אויס אויף די וועגן. איינע פון די זאכן וואס זיי האבן געטון צו קענען זיין בעסער אפגעהיטן, איז געווען מיטצונעמען די "מגן" סטיקערס וואס מ'קלעבט ארויף אויף די סקרינס אינעם עראפלאן, און דאס פארשטעלט דעם סקרין אפילו ווען מ'קען עס נישט אויסלעשן אדער ווען ס'צינדט זיך אן בטעות.

אנקומענדיג צו זייערע זיצן, זעען זיי א וואונדערליכע זאך: אלע סקרינס ארום ארבעטן, אבער די פאר שורות וואו זיי זענען געזעצן זענען אויסגעלאשן. די פלי-מאנשאפט איז זיך געקומען אנטשולדיגן אז זיי האבן פרובירט צו טון וואס זיי האבן געקענט ס'זאל ארבעטן, אבער צוליב אן אומפארשטענדליכער סיבה צינדן זיך די סקרינס נישט אן. זיי האבן נאך צוגעזאגט צו געבן א שיינע פארגיטיגונג צוליב דער אומאנגענעמליכקייט.

דאס איז געווען ווי א גלעט פון באשעפער אויף זייערע ארבעט צו האלטן ריין זייערע אויגן.

*(-)*

## א ברית אין צייט

איך בין א מוהל אין דער שטאט חיפה. א קורצע צייט צוריק האט מען מיך גערופן מאכן א ברית, אבער דאס קינד האט געהאט עפעס א מיחוש ביי די אויגן און מ'האט נישט געוואוסט צי מ'וועט קענען דורכפירן דעם ברית. די נאכט איידער'ן ברית בין איך געקומען באטראכטן דאס קינד, און איך האב געזאגט דעם טאטן אז ס'דארף דורכגיין א געוויסן סכום שעות פון ווען דער מיחוש גייט אוועק פאר מ'קען מאכן דעם ברית. פארטאגס רופט מיך דער טאטע אן, און פארציילט מיר מיט שמחה אז דאס אויג איז אויסגעהיילט געווארן. איך בין שנעל געקומען קוקן, און איך האב באשטעטיגט אז מ'קען דורכפירן דעם ברית בעתו ובזמנו.

א טאג נאכ'ן ברית טרעף איך דעם טאטן, און ער זאגט מיר אז דער מיחוש איז צוריקגעקומען. איך האב אים גע'עצה'ט וואס ער זאל ווייטער טון דאס צו באהאנדלען.



> "נאכ'ן ברית האב איך געטראכט אז איך קען שוין אפלאזן די קבלה, אבער תיכף דערנאך איז די פראבלעם צוריקגעקומען. "איך זע," פירט דער טאטע אויס, "אז איך דארף מיין גאנץ לעבן אכטונג געבן אויף דער קבלה וויבאלד מיין זונ'ס אויגן זענען דאך אנגעוואנדן אין דעם!"

די וואך טרעף איך דעם יונגערמאן, זאגט ער מיר: "איך וועל דיר פארטרויען די מעשה וואס האט פאסירט. זעענדיג אז מ'האט שוין עטליכע שעה פאר'ן ברית און דער מצב טויג נישט, האב איך גענומען אויף מיר א קבלה בענין שמירת עינים, ס'זאל זיין א זכות פאר'ן קינד'ס אויג, און ב"ה די זאך איז געווארן מסודר. נאכ'ן ברית האב איך געטראכט אז איך קען שוין אפלאזן די קבלה, אבער תיכף דערנאך איז די פראבלעם צוריקגעקומען. "איך זע," פירט דער טאטע אויס, "אז איך דארף מיין גאנץ לעבן אכטונג געבן אויף דער קבלה וויבאלד מיין זונ'ס אויגן זענען דאך אנגעוואנדן אין דעם!"

*אהרן דוד שענק, חיפה*

## א מעשה מיט א בוים

איך וואוין אין א פריוואטע הויז מיט א חצר ארום, און נעבן מיר וואוינט א גוי'אישער שכן. היות מיין הויז געפינט זיך אויף א שטיקל בערגל, קומט אויס אז ס'איז העכער ווי דעם גוי'ס הויז, אזוי אז מ'קען אריינקוקן צו זיין הויף. ב"ה דער באשעפער האט געפירט אז דער גוי גייט ארויס צו דער ארבעט יעדן טאג זעקס אזייגער אינדערפרי און דורכ'ן טאג איז קיינער נישט אינדערהיים, אזוי אז מ'זעט זיי נאר אינעם וויקענד, און אויך דאן זענען זיי גאנץ ווייניג אינדרויסן.

אין דער תקופה פון קאראנע, ווען מענטשן זענען נישט געפארן צו דער ארבעט, האט דער גוי אריינגענומען זיין מאמע צו זיך אין שטוב, און זי האט זיך געדרייט אינדרויסן פאר שעות ארוכות, נישט האבנדיג עפעס אנדערש צו טון. מ'האט געקענט כסדר זען פונעם פארטש, פון דער קאך, און פון נאך אנדערע ערטער אין הויז אלעס וואס זי טוט. זי האט זיך אויפגעפירט זייער פריצות'דיג, און ס'האט מורא'דיג געשטערט. מ'האט מחנך געווען די קינדער צו שמירת עינים, זיי אנזאגנדיג אז מ'טאר נישט אריינקוקן צום גוי'ס פראפערטי, און מ'האט מתפלל געווען אז מ'זאל פטור ווערן פון דעם אנשיקעניש.

דעם קומענדיגן שבת אינדערפרי זאגנדיג ברכות השחר, האב איך שטארק מכוון געווען ביי די ווערטער "שתצילנו...משכן רע ומפגע רע", בעטנדיג ביים אויבערשטן אז מיר זאלן קענען זיין אפגעהיטן פון אלעם בייזן.

ס'הערט זיך אומגלויבליך, אבער אזוי איז געווען די מעשה: קוים עטליכע שעה שפעטער, רופט מיין ווייב אויס מיט באגייסטערונג, "קומט קוקן דעם נס!" וואס איז? אינעם שטח צווישן מיר און דעם גוי זענען דא עטליכע ווילדע ביימעלעך, אבער זיי זענען נישט גענוג צו פארשטעלן זיין בעקיארד. יעצט האט זיך איין ביימל געגעבן א צעבלי פון איין מינוט אויף דער צווייטער מיט גרויסע גרינע בלעטער, פארמירנדיג א כשר'ע מחיצה למהדרין!

*י.י. וועסלי היללס, מאנסי*

עין בעין יראו

אויפפאסונגען

# פארמאסקירטע אויגן

מיט עטליכע וואכן צוריק, ט' אדר תשפ"ג, איז נפטר געווארן הגה"צ ר' קלונימוס זאב הכהן גראס זצ"ל, אב"ד ווייטצען און מחבר פון די אויפגעכאפטע ספרים פרי הגן אויף הלכות שבת, זייענדיג בלויז 61 יאר.

אין צוגאב צו זיין געוואלדיגער התמדה און יגיעת התורה, איז געווען יראתו קודמת לחכמתו, זייענדיג א שטארקער מדקדק בהלכה. באזונדער איז ער געווען זייער אפגעהיטן אין שמירת עינים, אכטונג געבנדיג אויף זיינע אויגן ווי דאס טייערסטע פארמעגן.

דאס געוואלדיגע זהירות זיינע האט ער געלערנט פון יונגווייז אן, אויפוואקסנדיג ביי זיין טאטן הגה"צ רבי משה גראס זצ"ל, אב"ד שארמאש-וויליאמסבורג. זייענדיג א בחור אין נייטרא ישיבה אין סאמערוויל ביי הגה"ק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, איז נישט געווען קיין מקוה אין ישיבה, און רבי משה פלעגט ברעכן דאס אייז פון טייך יעדן אינדערפרי זיך צו גיין טובל'ען. שפעטער האט מען אים אמאל געפרעגט דערוועגן. האט ער זיך אנגערופן, "איינמאל זיך צוריקהאלטן די אויגן מיט שמירת עינים איז שווערער ווי ברעכן אייז!"

וואוינענדיג אויף דער פארנומענער לי עוועניו, פלעגט רבי קלמן וואלף ז"ל נישט גיין אויפ'ן סיידוואק, נאר אויף דער גאס וואו די קארס פארן, כדי נישט צו דארפן גיין צווישן די מאסן (פארשטייט זיך אויף א וועג ס'זאל נישט קומען לידי סכנה).

א זון זיינער דערציילט אז דעם לעצטן אנדערטהאלבן יאר פאר זיין פטירה איז ער געווען מדוכא ביסורים ה"י. יעדעס מאל ווען ער פלעגט אים גיין באזוכן אין שפיטאל, האט ער געזען אז ער האט נישט אן די גלעזער. ווען ער האט אים געפרעגט דערויף, האט ער זיך ערשט פרובירט ארויסצודרייען, און נאר ווען ער האט נישט געהאט קיין אנדערן אויסוועג האט ער "מודה געווען" די אמת'ע סיבה, זאגנדיג, "זינט איך האב אנגעהויבן נעמען טריטמענטס, האב איך נישט געקוקט א נורס אין פנים!"

זייענדיג אין דער תקופה נאך קאראנע, זענען געווען מאסקעס בשפע אין די שפיטעלער. אבער ווער זאגט מ'קען עס לייגן נאר אויפ'ן מויל? ער האט דאס גענוצט צו פארשטעלן די אויגן, דאס אראפנעמענדיג נאר ווען ער האט געוואלט לערנען.

זאלן די אלע זכותים זיין זיינע מליצי יושר, תנצב"ה.

## מודעה חשובה

אריינטרעטנדיג אינעם זומער סעזאן, ווען די נסיונות אין שמירת עינים זענען פילפאכיג מער, ווילן מיר מעלדן אז בעז"ה וועט ערשיינע בקרוב א ספעציעלע סעריע גליונות

### אן אפגעהיטענער זומער

אין דער סעריע וועט ווערן צוזמגענומען און אויסגעקלארט פארשידענע הלכות, עצות, און חיזוק וואס זענען נוגע אין די זומער חדשים.

**עס וועט זיין א ספעצעלע אפטיילונג פון פראקטשיע עצות, וואו די חשוב'ע לייענער ווען האבן די געלעגנהייט מיטצוטיילן זייער ערפארונגען און זיך העלפן איינער דעם צווייטן.**

**אויב האט איר סיי וועלכע עצה וואס קען צוניץ קומען פאר אנדערע, צב"ש וויאזוי זיך בעסער צו היטן ביים גיין אין גאס, ביי דער ארבעט, אין אפיס, ביים דרייוון, בילבארדס, אויף א באס, אין געשעפטן, אין קעמפ/קאנטרי, אין א ווארטזאל, אויף וואקאציע, האטעלן, אא"וו**

845.999.4114 #1-2

**אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק!**

הכם עיניו בראשו

עצות

# האלטן ריין די מחשבה מיט וואלקן קראצערס

הרה"ג ר' אברהם יעקב יאקאב שליט"א האט דערציילט אז זיין ברודער איז פאר דער חתונה געגאנגען נעמען א ברכה ביי הגה"ק רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל.

צווישן אנדערן האט רבי בנימין זצ"ל גערעדט איבער שמירת המחשבה. האט ער געזאגט: "איינער וואס קען א גאנצע צייט טראכטן פון לערנען, איז דאס זייער א גוטע זאך. אבער איינער וואס קען נישט, זאל טראכטן פון אן אינטערעסאנטער היתר'דיגער זאך. איך הער אז אין אמעריקע איז דא א בנין פון 120 שטאק, קען מען למשל אריינקלערן ווי אזוי מען גייט ארויף אזויפיל שטאק אנצוקומען ביז אויבן. מען האלט דעם בנין אדער סיי וואספארא אינטערעסאנטע זאך אין קאפ, און ווען דער יצר הרע קומט, לייגט מען זיך אריין אין דעם דמיון און מ'טראכט פון דעם."

רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל זעלבסט איז כמעט קיינמאל נישט געפארן מיט א קאר. ער איז אפשר איינמאל ארויסגעפארן פון ירושלים, און ער איז קיינמאל נישט געפארן קיין אמעריקע.

מי כעמך ישראל

אידישע גבורה

# א תפילה אין לופטפעלד

מיין פערזענליכע דאנק ווערטער איז מסתמא איבעריג איבער דעם אויס**טערלישן גליון אויף א נסיעה, ס'האט געמאכט ממש א מהפיכה. איך וויל נאר דערציילן א קליינע עפיזאד וואס גייט מיר פשוט נישט ארויס פון קאפ.**

**איך בין געווען מיט מיין טאטן שליט"א** אין עירפארט, און איך האב געזען ווי ער האלט א צעטל און ער זאגט עפעס מיט בכיות נוראות, ממש מיט טרערן אין די אויגן. קוקנדיג בעסער האב איך געזען אז דאס איז די נייע תפילה פונעם גליון, פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א. איך האב ממש נישט געגלייבט וואס איך זע, דער מחזה איז מיר אריין אין די ביינער, זעענדיג וואס שמירת עינים מיינט פאר מיין טאטן.

י. ש.


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

טיילט מיט אייער מעשה, עצה, געדאנק
845.999.4114 #1-2

צו איבער געבן א שאלה פארן "קילורין לעינים" רובריק דרוקט 9-1#

## מי האיש החפץ חיים

פאראיאר זייענדיג אין ארץ ישראל, בין איך אריין צו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, און אים געבעטען הדרכה. האט ער מיר געזאגט: "אז דו וועסט טון די צוויי זאכן, וועסטו האבן א גליקליך לעבן און קיינמאל פון קיין צרות נישט וויסן. איינס, ליגן אין תורה, און צוויי, זיך פירן בקדושה וטהרה, מיט ריינע אויגן און מחשבות."

## א לערע אין וואלמארט

איך בין געווען אין וואלמארט ווארטנדיג אין דער רייע צו באצאלן. פאר מיר איז געשטאנען א גוי וואס איז געווען אנגעטרונקען, און ער האט זיך אויפגעפירט צולאזט שרייענדיג מיאוס'ע ווערטער. אינמיטן הער איך ווי דער רעדזשעסטער רופט צו אן צו יענעם: "גיב אכטונג ווי אזוי דו רעדסט, ס'איז דא א איד הינטער דיר!"

ס'איז מיר געווען דערפרישנד צו הערן אז א גוי פארשטייט אז אידן זענען אן איידל פאלק און פארנעמען נישט די זאכן. צו דער זעלבער צייט ברענגט דאס אויך ארויס עס אחריות וואס מיר פארמאגן זיך טאקע אויפצופירן שטענדיג אין א וועג וואס זאל שטימען פאר'ן אויסדערוועלטן פאלק.

## טובה ישועה שמחה

לכבוד חברי המערכת "טהור עינים".

לא יאומן הזכיות עצומות שיש לכם. ראיתי כבר הרבה פעמים בחורים ואברכים יקרים שמעיינים בגליונות שלכם (שיש להם הפצה חזקה בכל הערים כאן בארץ ישראל, וכמובן גם בחו"ל). וגם בימי בין הזמנים באמצע נסיעה ארוכה, במקום להסתכל לכל הצדדים ולראות מראות תועבות וגועלי נפש ממש, מעיינים בגליונות יקרי ערך שמשמחים לב האדם באמת, וזוכה לישועות עצומות בזכות טהרת העינים.

והנה חשבתי רמז, שראשי תיבות וסופי תיבות "טהור עינים" בגימטריא טיש. זה מרמז כשבאים לטיש של צדיק ורואים פני הצדיק, זה מטהר את העינים. וכן הגליונות שלכם מטהרים את העינים לכל מי שמעיין בהם. וכן "טיש" ראשי תיבות טובה ישועה שמחה. רמז בזכות העיון בגליון "טהור עינים", יזכה לטובות וישועות ושמחה. כידוע מי ששומר עיניו יש לו שמחת הלב ונפש באמת, משא"כ אם לא שומר עיניו, אז הוא אף פעם לא מרוצה ושמח ממה שיש לו.

יהיה רצון שנזכה לראות עין בעין בשוב ה' לציון ברחמים וחסדים גדולים, אמן כן יהיה רצון.

*בברכת כהנים באהבה, כעתירת: גמליאל הכהן רבינוביץ,*
*מח"ס "גם אני אודך" ו"פרדס יוסף החדש" על המועדים.*

## אן אפגעהיטענע נסיעה

יישר כח פאר'ן הערליכן גליון, און ספעציעל א ש'כח פאר'ן לעצטן נסיעה גליון. איך בין געפארן ל"ג בעומר קיין מירון מיט א גרופע יונגעלייט, און איך און נאך עטליכע חברים האבן מיטגענומען דעם גליון.

געוויינליך ווען מ'פארט צוזאמען איז דא אזא סארט בושה צו זיין "א פרומער" און אראפקוקן, צי אויסטון די גלעזער ווען ס'פעלט זיך אויס, אא"וו. אבער יעצט ווען ס'זענען געווען מיט אונז עטליכע פון די גליונות, האט זיך אנטוויקלט א שמועס דערוועגן, און ס'איז געווען א נארמאלע זאך צו היטן די אויגן אינעם טערמינאל. ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז יעדער פילט די זעלבע, מ'שעמט זיך פאר יענעם, און איינמאל מ'קראכט דעם באבל קומט ארויס וואס יעדער וויל באמת טון...

~

איך האב נישט ווערטער צו דאנקען גענוג אויף דעם לעצטן גליון פון "אן אפגעהיטענע נסיעה". איך פאר אסאך יארן קיין מירון ל"ג בעומר, אבער אזא נסיעה האב איך נאך קיינמאל נישט געהאט, האלטנדיג נאכ'ן ליינען דעם מורא'דיגן גליון, פול מיט חיזוק און עצות. די גאנצע נסיעה פון אנהייב ביז'ן סוף בין איך געווען אן גלעזער, על טהרת הקודש. ס'איז געווען אן אנדערער ל"ג בעומר!

*גדליה ר.*
*בארא פארק*

## א ווענדונג צו די חשוב'ע ליינער:

מיר פרובירן זייער שטארק בסייעתא דשמיא ארויסצוקומען מיט א גליון יעדע צוויי וואכן. יעדער גליון וואס קומט ארויס ווערט געדרוקט אין איבער פופציג טויזנט קאפיעס, וועלכע ווערן פארשפרייט אין אלע היימישע געגנטן אין אמעריקע, קאנאדע, אייראפע, און ארץ ישראל. דאס קאסט א געוואלד מיט געלט, וואס רעכנט אריין אויפהאלטן שרייבערס, הפצה, דרוקן, אא"וו. דער פרייז פאר יעדן איינציגן גליון ארויסצוקומען איז העכער $12,000.

**מיר זענען שטארק אנגעוויזן אויף דער הילף פונעם ברייטן ציבור, און נאר מיט אייער השתתפות וועלן מיר בעז"ה קענען ווייטער אנגיין. מיר אפעלירן צו יעדן וואס איז ביכולת, קויפט א חודש'ליכע שותפות אינעם גליון פאר'ן סכום פון $50 חודש'ליך, אדער לכה"פ $25 חודש'ליך. מיט דעם נעמט איר א חלק אין העלפן פארשפרייטן שמירת עינים ביי אידישע קינדער, צענדליגער טויזנטער מאל יעדן חודש. דער זיכוי הרבים דערפון איז אין לשער!**

**רופט אריין 845.999.4114 עקס. 1-1**

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו!

## על הטוב יזכר

**זכות עמוד בגליון**

מוה"ר **שמעון ווייס** הי"ו
לע"נ אביו הרה"ח ר' **בנימין חיים זאב** ב"ר **משה** ע"ה

**זכות 2000 גליונות**

מוה"ר **יואל** בר"מ **קופטשיק** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **שלמה הערש קארנבלי** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **משה לייבלער** הי"ו לרגל אירוסי בנו למז"ט, מוה"ר **משה קנאבלאך** הי"ו לרגל הולדת בתו למז"ט, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**זכות 1000 גליונות**

מוה"ר **שלמה יעקב ניישטאדט** הי"ו, מוה"ר **אביעזר מרדכי געשטעטנער** הי"ו, מוה"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו לרגל הולדת בתו למז"ט, מוה"ר **חיים דוב שווארטץ** הי"ו לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות, מוה"ר **ארי' טערקעלטויב** הי"ו לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות, מוה"ר **שמעון רייכמאן** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **הערשל מיטעלמאן** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **יואל ברש"ז פאלאטשעק** הי"ו לרגל הולדת נכדתו למז"ט, מוה"ר **אברהם שמואל מאשקאוויטש** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **בנימין אליעזר שטערן** הי"ו לרגל הולדת בנו למז"ט, מוה"ר **יואל** ברמ"ז **פאלקאוויטש** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, מוה"ר **משה אלי' פריעד** הי"ו לרגל אירוסי בתו למז"ט, הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו, לזכות **משה** בן **גיטל** לזיווג הגון בקרוב, לזכות **הנדבן ומשפחתו** להצלחה בכל הענינים לע"נ **רבי מאיר בעל הנס** ולכבוד **התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי**, **לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל ענינים

**שותפי טהור עינים**
נדבנים חדשים מידי חודש בחודשו

מוה"ר **מענדל ראזענבערג** הי"ו, מוה"ר **מרדכי לייב מארקאוויטש** הי"ו,




טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

845.999.4114
נאכן דריקן 1 פאר אידיש
1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 הפצה אפטיילונג
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בארץ ישראל 077.401.6591
כתובת המערכת: עבודת ישראל 26, ירושלים 9515528

**"טהור עינים" זוכט געטרייע אידן וואס זענען גרייט אפצושרייבן מעסעדשעס וואס פליסן אריין צום מערכת.**
אויב זענט איר גרייט ארויסצוהעלפן, אדער אויב ווילט איר העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות, רופט אריין
**845.999.4114 #1-9**